פֿון רעדאַקציע

# מי ומי ההולכים

וויפֿל באַזוכער?

פֿונעם 1טן מײַ ביזן 15טן יולי: 475 באַזוכן (בלע״ז ״היטס״). צום באַמערקן: ״היט״ איז נישט טײַטש ״באַזוכער.״ אַ באַזוכער קען אַרײַנגערעכנט ווערן מער ווי איין מאָל. אָבער ווי אַן אָפּשאַצונג פֿון באַזוכער איז די צאָל באַזוכן כאָטש אַן אָנהייב.

שטעלט זיך די קשיא: וויפֿל פֿון יענע לפֿי-ערכדיקע 475 באַזוכער האָבן זיך טאַקע ״דערקליקט״ צו כאָטש אַ טייל פֿון די מאַטעריאַלן? וויפֿל פֿון די באַזוכער זײַנען עס אמתדיקע לייענער?

ווען מע רעכנט אַרײַן יעדער באַזוך צו וואָסער נישט איז מאַטעריאַל (נאָר מיטן תּנאַי, אַז יעדער סערווער מעג נישט אַרײַנגערעכנט ווערן מער אָפּט ווי ער באַווײַזט זיך צווישן די 475) זײַנען דאָ סך-הכל 167 לייענער פֿון (מער טעכניש גערעדט: די, וואָס האָבן ״דערקוועטשט״ צו) איינער צי מער פֿון די זאַכן וואָס געפֿינען זיך אין דב״י.

אַ קליינער עולם. אָבער צוריקגערעדט: בפֿירש עפּעס וואָס. נעמט אין באַטראַכט אונדזער טעכנאָלאָגישע אָרעמקייט אין פֿאַרגלײַך מיט די מיליאָנען אַנדערע וועבזײַטלעך. מיר האָבן נישט קיין שמועסגרופּעס, קיין אַרײַנסקאַנירטע סעקסי פֿאָטאָס. קיין בערזע-עצות, ספּאָרט-רעזולטאַטן, הייסע נײַעס, קאָנקורסן. מיר שרײַען נישט, און מיר וואַרפֿן זיך נישט אין די אויגן. (כאָטש מיר וואָלטן אפֿשר אַזוי יאָ געוואָלט, ווען מיר זאָלן האָבן מער צײַט אָפּצוגעבן דעם זשורנאַל.)

עס קומט אויס: די לעצטע פּאָר חדשים האָבן 475 זיך אַרײַנגעכאַפּט צו אונדז, און 167 כאָטשבע אַ לייען געטאָן, גראָד צוליב דעם ייִדישן וואָרט. פֿאַרשטייט זיך נישט קיין נײַעס, וואָס עס געפֿינען זיך נאָך אַזעלכע ייִדן – נאָר ס׳איז אויך נישט גאָרנישט וואָס מע זאָל האָבן דערוואָרט פֿונעם אינטערנעט.

איז הערט זיך אײַן, איר 167: זײַט ווײַטער מיט אונדז, און ברענגט מיט אײַערע גוטע-פֿרײַנד!